בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום גפ' בלק | ג' תמוז | תשע"א | פסחים: ע"ב

# באריכט:

## בקודש פנימה

נעכטן נאכט האט הגה"צ ר' ישראל חיים קאהן שליט"א האדמו"ר מ'נחלת אהרן באזוכט ביי מרן רבינו שליט"א בביתו נאוה קודש.

༺•༻

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר מרדכי קאהן הי"ו פון קרית יואל. פאר'ן דאווענען זענען פאהרגעקומען די ברית'ן לבן הנולד לר' אברהם יושע גפן הי"ו פון קרית יואל ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל, און לבן הנולד לר' יצחק אייזיק גאלדשטיין הי"ו פון וויליאמסבורג.

༺•༻

אין די נאכמיטאג שטונדן האט מרן רבינו שליט"א אפגעשטאהט א ביקור גומלין ביי כ"ק הגה"צ גאב"ד מעלבוירן שליט"א בבית האכסניא אין קרית יואל, ווי עס איז אנטוויקעלט געווארן א שיינער שמועס.

༺•༻

## זמן כניסה אין וויליאמסבורג

היינט נאכט וועט אי"ה זיין זמן כניסה אין וויליאמסבורג ביי מרן רבינו שליט"א בביתו נאוה קודש.

༺•༻

## תושבי וויען יצ"ו איינאיינעם מיט קבוצה פון חסידי סאטמאר פון אנטווערפען יצ"ו האלטן מיט גאר געהויבענעם שב"ק בראשות הגה"צ רב דקהילתינו וויליאמסבורג שליט"א

תושבי עיה"ב וויען, עסטרייך יצ"ו האבן דעם פארגאנגענעם שב"ק פ' חוקת העעל"ט מיטגעהאלטן א גאר געהויבענעם און ווארעמען שב"ק איינאיינעם מיטן אורח הדגול הגה"צ אבדק"ק סאטמאר וויליאמסבורג שליט"א.

דער וויליאמסבורג'ער רב שליט"א איז געקומען צו פארן אויפן איינלאדונג פון הרבני הנגיד הרה"ח המפו' רבי חיים לעווי הי"ו מחשובי ופני הקהלה בעיר וויען יצ"ו, לרגל די "שמחת הבר מצוה" וואס איז פארגעקומען בביתו פון ר' חיים הי"ו ווען זיין יונגסטער זוהן איז אריין לעול התורה והמצות למז"ט ובשעטומו"צ.

די שמחת הבר מצוה איז פארגעקומען אויף א גאר געהויבענעם פארנעם דאנערשטאג נאכט פ' חוקת איז שטוב פון הרה"ח ר' חיים הי"ו ווי דער רב שליט"א . דער רב שליט"א האט בשעת די סעודת בר מצוה משמיע געווען גאר שיינע דברי תורה וברכה.

༺•༻

פרייטאג אינדערפרי האט רב שליט"א געדאווענט בהיכל ביהמ"ד מחזיקי הדת אינאיינעם מיט די ילדי תשב"ר בעיר וויען, ווי דער רב שליט"א האט געלייגט תפלין פארן בר מצוה בחור, נאכן דאווענען איז פארגעקומען א מסיבת לחיים ווי מען האט געזינגען ווארעמע ניגונים און דער רב שליט"א האט משמיע געווען מדברותיו.

במשך דעם טאג איז דער רב שליט"א ארומגעפארן באזוכן די רבני ודייני העיר שליט"א.

**השבת נועם הנשמות**

פרייטאג צונאכט'ס האט מען געדאווענט מנחה און קב"ש בהיכל ביהמ"ד "קהל חסידים ,", און דערנאך האט די רב שליט"א געפראוועט די סעודה אין די אכסניא בבית הרה"ח ר' חיים לעווי הי"ו .

נאך די סעודה איז שיינער ציבור אריבער געקומען לבית האכסניא צו די "באטע" אינאיינעם מיטן רב שליט"א ווי מען זיך מתעדן געווען בנועם זיו השב"ק ביז אין די שפעטע נאכט שטונד'ן, אזוי אויך האט דער רב שליט"א עטליכע מאל משמיע געווען דברי תורה .

שב"ק אינדערפרי האט מען געדאווענט שחרית בהיכל ביהמ"ד "מחזיקי הדת" ווי נאכן דאווענען איז פארגעקומען א גרויסארטיגער קידושא רבה לרגל די שמחת הבר מצוה.

אום האלב אכט נאכמיטאג האט דער רב שליט"א אנגעהויבן די שיעור בפרקי אבות בהיכל ביהמ"ד מחזיקי הדת, ווי דער רב שליט"א האט משמיע געווען גאר שיינע טייטש'ן און געדאנק'ען אויף די משנות, און צום סוף אויסגעפיהרט מיט שטארקע דברי חיזוק איבער די חשיבות העבודה פון יעדן איד, ובעניני עבודת התפלה און לימוד התורה.

נאך די דרשה איז מען אריבער צום ביהמ"ד קהל חסידים ווי די סעודת רעוא דרעוין איז געפראוועט געווארן אויף א געהויבענעם פארנעם, מען האט געזינגען ווארעמע דברי התעוררות, און דאן האט דער רב שליט"א משמיע געווען דברי כיבושין ודברי התעוררות והתחזקות אויף א גאר שטארקן פארנעם.

**ויהי ממחרת**

זונטאג אינדערפרי איז אין בהיכל הת"ת מחזיקי הדת פארגעקומען די שיינע מעמד "חנוכת הבית" פאר די חדרים אין די תלמוד תורה וועלכע איז איבערגעבויעט געווארן בנדבת לבה פון די חשובע מרת לעווי תחי' אשת להבחל"ח הרבני הנגיד המרומם בונה ומקים עולמות של תורה רבי ניסן לעווי ז"ל. ביים מעמד זענען געזינגען געווארן ווארעמע ניגונים דורך א קאפעליע מילדי תשב"ר, און דאן האבן משמיע געווען מדברותיהם לרגל המאורע: הגה"צ וויליאמסבורגער רב שליט"א , הגה"צ רבי משה ווייס שליט"א גאב"ד קהלת מחזיקי הדת, און הגה"צ רבי אברהם יונה שווארץ שליט"א גאב"ד קהלת קהל חסידים.

## מלוה מלכה אין ביהמ"ד ישמח משה לטובת מוסד הק' רופא חולים

פארגאנגענעם מוצש"ק העעל"ט איז פארגעקומען א מלוה מלכה וסעודת ר"ח אין ביהמ"ד ישמח משה בשכונת ברך משה אין קרית יואל, לטובת די וועלט באקאנטע מוסד רופא חולים, אלס א טייל פון פריוואטע מסיבות און אקציעס וואס ווערן אפגעהאלטן אין די טעג אין קרית יואל.

די מלוה מלכה איז פאררופן געווארן דורך עטליכע עסקני אנ"ש, וואו עס האבן זיך באטייליגט א שיינער ציבור תושבי השכונה, און עס האבן אויפגעטרעטן הרה"ח ר' הערשל פריעדמאן הי"ו, הגה"צ רבי שמעון זאב מייזליש שליטא חדב"ן ורב הביהמ"ד, און דער גבאי פון ביהמ"ד האברך ר' יוסף יואל לעווי נ"י. די מסיבה איז באגלייט געווארן דורך העסקן הרה"ח ר' חיים יחזקאל הערשקאוויטש הי"ו.

## זוממער נאכטמאהל אין וויליאמסבורג און אין בארא פארק

היינט אווענט הייבט זיך אהן די בארימטע "זוממער נאכטמאהל'ס" אין וויליאמסבורג און אין בארא פארק.

אין וויליאמסבורג וועט אי"ה סערווירט ווערן נאכטמאהל יעדע נאכט אין די זאלן פון מנוחה ושמחה ווי עס ווערט צוגערישט א באזונדער ארייננגאנג אויך פאר פרויען.

אין בארא פארק ווערט די נאכטמאהל צוגעשטעלט ווי יאהר יערליך דורך די התאחדות אברכים אין חדר אוכל נעבן ביהמ"ד הגדול.

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.